# יעקב גלאטשטיין

[illegible]
יעקב גלאַטשטיין
18 אין פעבר. 1922

# יעקב גלאַטשטיין

פאַרלאַג „קולטור“
ניו יאָרק
1921

Copyright 1921
Jewish Culture Publishing Co.

# נ ע ט י ׳ ז

# יעקב גלאַטשטיין

# I

## אונזער דאָר.

עס ציטערט די קנויט פון אונזער דאָר.  
האָ, מענשען רעגעדיגע.  
לאָמיר, אויף גיך, אויסקריצען אין מאַרמאָר אונזערע מאַיסים.  
אין ביכער פאַרשרייבען אונזער נאָמען.  
ציגעל צו ציגעל לייגען פאַר אונזער רום.  
וועלען מאַרמאָר און ביכער וועגען אויף אונזערע קינדער  
און בלאָנדזשען וועט כאָטש אונזער האַנט אין רוים,  
ווען עס וועט אָפּצאַנקען די קנויט פון אונזער דאָר.

## דער שטאָלצער קיניג.

ווען דער שטאָלצער קיניג איז אין סוינעס שטאָט
אַריינגעריטען,
האָט זיין רויטע באָרד געפלאַמט אין דער אויפגייענדער זון,
ווי די בלאַנקע שווערדען פון זיין סוויטע.
און ווען ס'האָט דער שטאָלצער קיניג באַשיינפּערליך געזען
ווי ס'האַלט דער טויט די שטאָט אין זיינע אָרעמס,
און אַז ס'זענען אויסגעשטאָרבען אַלע ציגעל אין די הייזער,
און אַ מינדסטע ווינטעל קאָן די הייזער צובלאָזען אויף דינעם
שטויב —
האָט ער געלאַכט.
און אומגעדרייט האָט ער זיין שטאַרקען קאָפּ
אַ קוק צו טאָן אויף זיינע יונגען,
וואָס האָבען מיד און טעמפּ געשלעפּט אַ פאַרמאַטערטען
דעם זיג.
און דער קיניג האָט באַפוילען,
אַז ס'זאָלען די יונגסטע זכאָרים פון דער שטאָט
קומען אים אַנטקעגען מיט ברויט און זאַלץ.

באַלד האָבען גענענט דעם קיניג צען אַלטע לייט מיט לאַנגע
גראָע בערד
און אויף די קני געפאַלען :
שטאָלצער קיניג, מ י ר זענען די יונגסטע זכאַרים פון
דער שטאָט
און קיין ברויט האָבען מיר ניט,
ווייל ס'האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס ברויט ביי אונז, שוין
איבער צוועלף כאַדאָשים.
איידעם זיינען אונזערע הענט די אויסגעצערטע,
אונזערע גומענס די אויסגעטרוקענטע.
אַ ביסעל זאַלץ האָבען מיר געבראַכט,
בלויז אַ ביסעל זאַלץ האָבען מיר געבראַכט.
ווידער האָט דער שטאָלצער קיניג אַ קוק געטאָן אַהינטער
אויף זיינע יונגען,
וואָס זיינען פון די פיס געפאַלען, שלעפענדיג אַ
פאַרמאַטערטען דעם זיג.
ס'האָט דער קיניג באַפוילען
זאָלען אייערע שענסטע יונג-פרויען קומען באַגריסען מיינע
יונגען,
זאָלען זיי שפרייטען בלומען פאַר די טריט פון אונזער זיג.

אין וויינענדיגע רייען האָבען באַרוויסע געשפּאַנט די יונג־
פרויען מיט גראָע קעפּ,
און געשפּרייט פאַרוועלקטע בלומען־בלעטלאַך.
און ס'האָבען זיך פאַרנויגט די ערשטע פיר פרויען פאַר'ן
שטאָלצען קיניג
און אַזוי געשפּראָכען :
ס'האָט דער אָטעם פון טויט אויסגעטרוקענט אונזערע
וואַסער־קוואַלען,
ווי די וואָרצלען פון אונזערע האָר,
אויך אונזערע הימלען זיינען געוואָרען שטיין.
האָבען מיר דען געקאָנט מיט לערע קרוגען שטילען דעם
דורשט פון די בלומען ?
און ס'איז אויפגעשטאַנען דער עלטסטער מאַנסביל פון דער
ערד
און אַזוי געשפּראָכען :
שטאָלצער קיניג,
ניט קוק, וואָס געבוקט איז מיין קאָפּ און מיין טריט ניט זיכער.
דאָס האָבען יאָרען מיר געגעבען אַ שטעקען אין האַנט
און מיין קאָפּ צו דר'ערד געבויגען.
יאָרען וועלען אויך דעם קאָפּ פון דיין שטאָלץ מיט אַש
באַדעקען

און אים הייסען גיין ווי אַ בעטלער.
דער שטאָלצער קיניג האָט פאַרשטאַנען,
אַז דאָ דאַרף זיין גרימצאָרן ברענען, ווי זיין רויטע באָרד.
אָבער ער האָט ניט געצאָרנט.
זיינע אויגען האָבען בלויז געקוקט אויף די פאַרוועלקטע
בלומען-בלעטלאַך,
וואָס די יונג-פרויען האָבען געשפּרייט פאַר די טריט פון
זיין זיג.
און אַראָפּגעריסען האָט פון זיך אַלע שמאַטעס איינע פון די
יונג-פרויען.
איר נאַקעטקייט האָט געוויינט, ווען זי האָט אַזוי געשפּראָכען:
זע, שטאָלצער קיניג, מיינע גלידער, וואָס האָבען געוואוסט
אַ מאַן, הענגען איצט פאַרשעמטע,
ווייל ס'האָט די בענקשאַפט אין מיר נאָך דעם טאַטען פון
מיין קינד
פאַרצערט אין מיר אַלע פרויען זאַפטען —
אַזוי זאָל פאַרטרוקענט ווערען די טראַכט פון דיין ווייב
אויף אייביג.
ווידער האָט דער שטאָלצער קיניג פאַרשטאַנען,

אַז ער מוז פֿריי לאָזען זיין צאָרן, ווי אַ ווילדען יונגען אָקס.
אָבער ער האָט ניט געצאָרנט.
זיינע אויגען האָבען אַלץ געקוקט אויף די פאַרוועלקטע
בלומען-בלעטלאַך,
וואָס די יונג-פרויען האָבען געשפּרייט פאַר די טריט פון
זיין זיג.
אַ פינסטערע מוירע האָט זיך געלייגט אויף די הייזער.
דערשראָקענע קינדער האָבען פון די פענסטער זייערע
מאַמעס גערופען.
פון קלויסטער אַרוים האָט זיך דערטראָגען דער געוויין פון
די פרומע בענק,
נאָך די יונגע טאַטעס פון דער שטאָט.
דער איינגעשלאָפענער בלינדער גלאָקען-ציער האָט פון זיין
שלאָף ערוואַכט.
זיינע אַלטע געלע הענט האָבען ווי אימער געבעטען דעם
קלויסטער-גלאָק אַנצוזאָגען,
אַז ס'איז געקומען די שאָ פאַר דער אָווענט-טפילע,
אָבער די שטומע צונג פון גלאָק האָט אויסגעקלונגען
אַ טויטען-קלונג.
אַ טויטען-קלונג.

די זון איז איינגעשרומפּען.
אַ שלאַקס־רעגען האָט אויסגעבראָכען.
דער רעגען האָט באַנעצט די קעפּ פון די פריינט, ווי די קעפּ פון די פיינט.
די צען אַלטע לייט האָבען אומגעקערט זייערע רוקענס צום קיניג
און זיך צום קלויסטער געלאָזט גיין.
און דער שטאָלצער קיניג האָט אַלץ געקוקט,
ווי אין וויינענדיגע רייען שפּאַנען באַרוויס די יונג־פרויען מיט גראָע קעפּ
און שפּרייטען פאַרוועלקטע בלומען־בלעטלאַך פאַר די טריט פון זיין זיג.

## 1919

די לעצטע צייט איז קיין שפור ניט מער געבליבען
פון יענקעל בעראב יצחק,
נור אַ קליינטשיג פינטעלע אַ קיילעכדיגס,
וואָס קייקעלט זיך צודולטערהייט איבער גאַסען
מיט אַרויסגעטשעפעטע, אומגעלומפערטע גלידער.
דער אויבער־האַר האָט מיט דעם הימעל־בלוי
די גאַנצע ערד אַרומגערינגעלט
און ניטאָ קיין רעטונג.
אומעטום פאַלען עקסטראַס פון אויבען
און צופלאַטשען מיין וואַסערדיגען קאָפּ.
און איינער מיט אַ לאַנגער צונג
האָט מיט אַ שטיק רויט מיינע ברילען אויף אייביג באַפלעקט
און רויט, רויט, רויט.
איך הער:
אַט די טעג וועט עפּעס אַזוינס אין מיין קאָפּ פּלאַצען
און מיט אַ טעמפּען קראַך זיך אָנצינדען דאָרט
און איבערלאַזען אַ קופּקע שמוציגליכען אַש.
און איך,
דאָס קיילעכדיגע פינטעלע,
וועל זיך דרייען אין עטער אויף אייביגקייטען
מיט רויטע וואָלען אַרומגעהילט.

## כ׳בין אַ שוואַכער מענש...

כ׳בין אַ שוואַכער מענש, אַ קלאַג אויף מיר.
כ׳האָב דעם סוינע דאָך אין מיין אייגען הויז:
זי צינדט דעם גאַז אָן,
רייניגט די שטיגען מיט קעראָסין אַלע וואָך,
זאָגט דזשיענדאָברי אונטערטעניג צו מיר אַלע אינדערפרי.
אָפטמאָל האָב איך געזאָגט צו זיך:
ס׳ליגט דיין סוינע אונטערטעניג ביי דיין אייגענער שוועל,
און לעקט די שיך דיר מיט דער פאַלשקייט פון אַ קאַץ.
פאַר אַן אויפּעלע.
פאַר אַן אַלטען איד.
פאַר אַ פרוי, מעשוגע פון צאָהר,
האָט גאָט זייערע אַ לייבליכע שוועסטער
דיר אין די הענט געגעבען.
האָט זי אָבער בלאָס-געלע קינדערלאַך מיט קרומע פיסלאַך,
און זי וואוינט אין קעלער אין דער נעץ,
און אויסגעלאָשענע אויגען און אַ געלע הויט האָט זי,
און ס׳איז מיין האַרץ אַ ווייטער קוואַל
פון ווייטער פליסיגקייט.
הער איך אוים דעם דזשיענדאָברי אַלע אינדערפרי,
ווייל כ׳בין אַ שוואַכער מענש, אַ קלאַג אויף מיר.

# אַ אַמבאַסאַדאָרע

פרעמדער־אייגענער מיינער,
וואָס זיצסט אונטער דעם טייטעלבוים פון וואוילזיין,
און האָסט באַמוזעט דיינע טירען
פאַר אַ מאַנענדיגען שאָטען.
זע,
מיט מיין גאַנצען פלייש און בלוט
און (אַך! פאַרריגעל טיר און טויער)
מיט אַ אידישען אַקצענט
שריי איך אויס צו דיר:
אַ, אַמבאַסאַדאָרע.
עס האָט דער בראָך פון דיינע קרוויווים
דיין פעטס־פאַנצער ניט באַרירט.
אין דעם אַנגעזיכט פון אַ קייווער
האָסטו דערזען דאָס היטעל פון דיין זיידען,
האָסט געגלעט דיין בערדעל,
און געאייצעט צו קויפען אַ היטעל מיט לייטען גלייך.
ברייט האָסטו געעפענט דיין טייסטער
און אַ פאַר אייגענע גראָשענס געגעבען.
וואָס וועסטו זאָגען מיר?

אַז איך וויל ניט נאָר מיין היטעל בייטען ;
איך וויל, אַז דו זאָלסט מיין טויף־פּאַטער זיין,
ווייל פּאַרוואָר :
אויף אַ אידיש פעלד וויל איך מיט דיר ניט ליגען,
נאָר צוזאַמען מיט נייע ברידער
וויל איך פּאַטשען מיט די הענט,
און אַפּלאָדירען דיר אין גויעשען טעאַטער,
ווי מיט אַ פאַרהויקערטער נאָז,
קרימסטו נאָך אַ אידען.

אָ, אַמבאַסאַדאָרע.
עס געלט זיך שוין די פרישקייט אויף דיין פּאָנים,
דער ביינערדיגער געלעכטער קיכעט אין די ווינקלען פון
דיין הויז.
און דאָך האָב קיין מוירע ניט,
אויב אַ נאָווי־נאָר וועט וואָרענען דיך,
אַז ס׳וועט קומען דער טאָג —
זיי זיכער,
ביז דער לעצטער שטערן וועט פאַרלאָשען ווערען,
וועט נאָך ווערימען דיין מין אויף גאָט׳ס וועלט.

## די לעצטע שאָען פון מיין האָר.

ווען אלע קנעכט האָבען מיין האר פארלאָזען,
בין איך אליין מיט אים פארבליבען,
אכוץ די דריי קעץ, פיר הינט און א וואונדער קינד, —
אונזערע שטענדיגע באגלייטער.
ס'איז מיר שווער געווען דאָס לעבען פון א קנעכט,
ווייל די גלידער פון מיין האר האָבען אים אויפגעהערט
צו דינען ;
איבערגעשוואומען מיט פעטס איז ער אזוי געווארען,
אַז איך האָב אים טאָג און נאכט געמוזט פון אָרט
צו אָרט שלעפען
מיט פינף גראָבע שטריק —
איך מיט מיין גוף דין ווי א שפּאָן,
איך מיט מיינע גלידער דינע ווי די פעדים.
ווען די זון האָט אָנגעהויבען זינקען אין דער זייט פון מארעוו,
זאָגט צו מיר מיין האָר מיט אַ שוואַכער שטים :
לוקרעציאָ מיין טרייער קנעכט,
דו פון אלע מיינע קנעכט דער טרייעסטער.
ס'וועט די מאָרגען-זון מיין גוף אויף דר'ערד צוטריפען
טראָפען נאָך טראָפען.

כ׳פיל דאָס קומען פון דעם סאָף.
זע, לוקרעציאַ, וואָס פון דיין האר איז געוואָרען:
כ׳האָב אין וועג מיין קרוין פאַרלאָרען
און ס׳איז מיר מער ניט פאַרבליבען ווי אַ פאַן אויפ׳ן קאָפּ,
ווי א בעזים אין דער האנט.
און ער וויינט.
בוק איך מיין קאָפּ צו דר׳ערד און כ׳פיל, אז ס׳שטיקען
מיך די טרערען,
און כ׳שריי אוים: וואָס וועט פון דיין קנעכט
לוקרעציאַ ווערען.
ס׳יאָמערען מיט מיר די קעץ מיט די הינט
און דאָס וואונדער־קינד שווימט ארום אין דעם יאַם
פון אונזערע טרערען.
בוק איך נאָכאמאָל צו דר׳ערד מיין קאָפּ און זאָג:
אָפּען זיינען האר, פאר דיר איצט די טויערען פון כאָכמע,
אין דיינע לעצטע שאָען.
גרויסער זעער, לערן לוקרעציאַן דיין קנעכט, די וועגען
פון דער וועלט,
ווייל כ׳בלייב אַ יאָסעם אויף דער וועלט,
אַ יאָסעם אויף דער וועלט.

ס'איז שוין פון לאנג א וויסטע נאכט געלעגען
אויף אונזער געצעלט.
מיין האר האט אראפּגעבויגען זיין קאָפּ צו דר'ערד
און זיך איינגעהערט.
דאָס וואונדער-קינד, די גרוים פון א שפּאַן
איז אַרויפגעקראָכען אויף מיין האר'ס פּאַן
און די קעץ מיט די הינט
האָבען טרויעריג געברומט,
ווייל אויך זיי האָבען געפילט דעם סאָף וואָס קומט.
ס'האָט מיין האר פלוצים געטאָן אַזוי א זאָג:
איידער ס'ווערט געבוירען דער מאָרגענדיגער טאָג,
לאָמיר די פינסטערניש פון דער נאכט באלייכטען
מיט אונזערע בראָנפען-פעסער.
כ'האָב ארויסגעשלעפט די לעצטע פינף פעסער און זיי
אָנגעצונדען.
בלאָע שטיקער נאכט האָבען געטאנצט אין די בראָנפען-
פלאמען,
וואָס האָבען געריסען זיך צום הימעל;
אויף מיילען ארום האָבען די פלאמען די פינסטערניש
באזיגט.

זאָגט אזוי מיין האר :
אַ שאָד, וואס ס'האָבען מיך פארלאָזען מיינע ווייבער,
זיי וואָלטען מיינע לעצטע שאָען עפשער פרייליכער געמאַכט.
לאָמיר, פונדעסטוועגען די לעצטע נאכט
פייערען אזוי, ווי ס'וועט קיין מאָרגען קיינמאָל ניט קומען.
גיט מיין האר א וואונק צום וואונדער-קינד,
אַז עס זאָל שפּילען, זינגען, טאַנצען.
אָבער דאָס וואונדער-קינד האָט מיין האר'ס הארץ
פרייליכער ניט געמאַכט.
ווי נאָר עס האָט דעם בויגען איבער די סטרונעס געטאָן אַ פיר,
האָבען זיך פון פידעלע יאָמער-טענער גענומען גיסען,
און ווי אַ טויטען-כאָר האָבען די קעץ מיט די הינט
און אויך איך, מיין האַר'ס טרייער קנעכט, מיטגעברומט :
גאָט, אונזער גאָט, ווארום האָסטו אונז פארלאָזען ?
גאָט, אונזער גאָט, ווארום האָסטו אונז פארלאָזען ?

אָפּגעקלונגען האָט דער לעצטער עכאָ פון דעם
אויסגעבלייכטען עכאָד,
ווי ס'האָבען דינע וואָלקענדלאַך זיך גענומען גראָען.
זעסט, לוקרעציאַ, זאָגט מיין האר, געציילטע זיינען
מיינע שאָען,

שלעפּ מיך אַריין צו מיין בודדאַ-בראַמאַ-יעזוס-מחמד-
קאָנפוציום-טעמפּעל,
לאָמיך מיינע לעצטע שאָען זיך ריייניגען פאַר מיינע געטער.
קום דו, לוקרעציאַ, מיין טרייער קנעכט, און שטעל זיך
ביי מיין רעכטער זייט,
ביי מיין לינקער זייט שטעל דאָס וואונדער-קינד אוועק
פאַרגעס ניט אָן די קעץ מיט די הינט, אונזערע
שטענדיגע באַגלייטער.
כ'האָב מיין האר אריינגעשלעפּט אין דעם טעמפּעל,
ווי ער האָט באַפוילען
און אָפּגעלעבט פאַר די מיזבייכעס די גליענדיגע קוילען.
פרום און שטיל, אונטער זיך די פיס, איז געזעסען דער
יונגער בודדאַ,
אים אַנטקעגען איז דער קריסטוס, דעם קאָפּ אָן אַ זייט,
פאַרטראַכט געהאַנגען.
אין אַן אַנדער ווינקעל האָט אַ האַלבע לעוואַנע זיך
געדרייכערט
ארום די טעמפּעל ווענט זיינען נאָך אַנדערע רייניגקייטען
געשטאַנען.

כ׳האָב מיין האר׳ס קאָפּ געבוקט אין אלע זייטען,
קעדיי די געמיטער פון די געטער ניט צו צינדען
מיט אַ קאָהם אַ בלינדען.
זעסט, לוקרעציאַ, זאָגט מיין האר מיט א ווייכער שטים,
כ׳ווייס, אז לוקרעציאַ איז ניט דיין טרייער נאָמען,
דיין נאָמען איז גאר ייסראָעל און דו קומסט ארוים פון
שעמס קינדער,
און אז דאָס וואונדער-קינד איז אויך פון דיינע ברידער.
כ׳האָב אָנגעהויבען ציטערען —
ווי איז מיר און ווינד,
דעם סאָד, וואס כ׳האָב יאָרען לאנג אין מיין הארץ געטראגען,
ווייסט מיין האָר.
מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, וואָרט איך, וואָס מיין האָר
וועט ווייטער זאָגען.
שרעק זיך ניט, מיין בראַווער קנעכט לוקרעציאַ.
אין די לעצטע שאָען פון מיין לעבען פארמאָג איך ניט
קיין האָס פאָר דיר.
קום נענטער צו מיר.
כ׳וועל דיך און דאָס וואונדער-קינד לערנען די וועגען
פון דער וועלט.

און מיין האר האָט אזוי געזאגט:
אין דעם דאָזיגען בודדאַ־בראַמאַ־יעזוס־מחמד־
קאָנפוציוס־טעמפּעל,
זאָלסטו פרום דיינע טעג און נעכט פארברענגען
צו די אַלע געטער זאָלסטו דינען אַלע דיינע טעג.
און טאָמער וועט אַ ווייב דיין וועג פאַרבייגיין,
זאָלסטו קומען אויף איר און טפילע טאָן,
אַז בלויז זכאָרים זאָלסטו האָבען, זכאָרים, וואונדער־קינדער,
ווייל ס׳גלוסטען מיינע אונטערטאַנען צו די טעכטער פון
דיין פאָלק —
ווי עס שטייט אין די דאָזיגע שיימעס געשריבען.
מיט זיין לאַנגען בעזים האָט ער פון אונטער די מיזבייכעס
אַפּיר געשאַרט אַ קופּע געלע פאַרמעטענע שיימעס.
כ׳האָב געליינט.
געבענשט זאָל זיין מיין האַר, וואָס האָט מיך די גאַנצע צייט
אין פינסטערניש געפירט,
גראָע האָר וואָלטען שוין פון לאַנג מיין קאָפּ באצירט,
אָדער עפשער וואָלט איך שוין אונטער אַ בערגעל געלעגען
און אַ טויטער בוים וואָלט אויף מיר געוועלקט.

ס׳האָט גענומען בלאָען.
לוקרעציאָ, עה לוקרעציאָ, כ׳האָב שוין ניט קיין שאָען,
מינוטען זיינען בלויז פאַרבליבען.
פונדעסטוועגען לאָמיר דאַנקען, לאָמיר לויבען פאַר דעם
געטער־גאָב, דעם טויט.
לויב צו אייך, איר געטער, וואָס די מאָרגען־זון וועט מיין
גוף אויף דר׳ערד צוטריפען.
כ׳בין מיט יאָרען זאַט אָבער מיט צאָרעס זאַטער נאָך.
זעט, וואָס פון מיר, אייער קנעכט, איז געוואָרען,
׳האָב אין וועג מיין קרוין פאַרלאָרען
און ס׳איז מיר מער ניט פאַרבליבען ווי אַ פאַן אויפ׳ן קאָפּ,
ווי אַ בעזים אין דער האַנט.
מיין האַרץ האָט אין מיר געוויינט ווי אַן ערשט־געבוירען
קינד.
מיט שווערע מי האָב איך מיין האָר פון טעמפעל
ארויסגעשלעפּט ;
אויף די קעץ מיט די הינט מיט דעם וואונדער־קינד האָבען
דעם טעמפעל פאַרלאָזען.

גרויסע טראָפּענס טוי האָבען נאָך אין פעלד די גרעזאָכצער געצערטעלט,
ס׳איז דער יונגער מאָרגען איינגעהילט געווען אין עדעלע רייכעס,
ס׳האָט געשמעקט ווי אין גאָרטען איידען.
אין מיין האָר׳ם אויגען האָבען אויך טראָפּענס טוי געציטערט
און איבער זיין ווילד־צעוואַקסענער באָרד זיך צערונען,
זיינע ליפּען האָבען שטיל געמורמעלט:
רויטע בלומען בליען,
מאָרגען־וואָלקענס ציען.
פאַר אייך, די לעבעדיגע, מאָרגען־רויט,
פאַר מיר — אייביג נאַכט און טויט.
באַלד איז די זון פון איר פוטער־פאַס אַרויס
און אָנגעהויבען טריפען שטיקער פון מיין האָר.
כ׳האָב אויסגעבראָכען אין אַ יעלאָלע און פאַרדעקט מיינע אויגען:
ווײַ צו מיינע אויגען, וואָס זעען דאָס.
די קעץ מיט די הינט האָבען יאָמערליך געברומט,
ווייל אויך זיי האָבען געפילט דעם סאָף וואָס קומט.

צו מיינע אויערען האָט זיך פּלוצים דערטראָגען די שוואַכע
שטים פון מיין האר :

לוקרעציאַ-ייסראַעל, ביסט אַ נאַר.
און נאָך האָט מיין האר געמורמעלט אין דער שטיל,
אָבער מיינע אויערען האָבען גאָר ניט מער פארנומען,
ווייל ס'האָט די זון אכזאָריעסדיג געטריפט שטיק נאָך שטיק
פון מיין האר.

שטיל איז געוואָרען ארום.
כ'האָב אויפגעעפענט מיינע אויגען און געזען
ווי ס'זאַפּט איין די ערד דעם לעצטען טראָפּען פון מיין האר,
אָבער אין די אויערען האָט נאָך אַלץ געקלונגען :
לוקרעציאַ-ייסראַעל, ביסט אַ נאַר.
כ'האָב אויפגעהויבען מיינע אויגען און געזען :
די קעץ מיט די הינט, אונזערע שטענדיגע באגלייטער,
זיינען טויטע איצט געלעגען ארום אָרט, וואו ס'איז מיין האר
פארשוואונדען.
נאָר מיר און דעם וואונדער-קינד האָבען די געטער דעם טויט
ניט באשערט.
דאָס וואונדער-קינד איז געשטאַנען לעבען מיר פאַריאָסעמט.
כ'האָב אים אָנגענומען ביי דער האנט און צו אים אַזוי געזאָגט:

געלויבט זיינען בודדא, בראַמאַ, יעזוס, מחמד, קאָנפוציוס,
וואָס ס'איז אונז באַשערט געווען צו זען די לעצטע שאָען
פון אונזער האַר
און זוכע זיין צו הערען זיינע לעצטע ווערטער:
לוקרעציאַ-ייסראַעל, ביסט אַ נאַר.

דאָס זיינען די ווערטער פון דעם טרייען קנעכט לוקרעציאַ.
וואָס איז דער איינציגער פאַרבליבען מיט זיין האַר,
ווען אַלע קנעכט האָבען אים פאַרלאָזען.
און איצט איז ער אַ יאָסעם אויף דער וועלט,
אַ יאָסעם אויף דער וועלט.

# באַיאָנעטען.

ס'האָבען צוויי פינסטערנישען געהאַלזט איינע די אַנדערע,
און האַלזענדיג געשטיקט די מאַטע ליכט פון אַ ליקע־כאַמע.
צווישעןביידע פינסטערנישען
האָבען אויסגעדאַרטע הענט געשפּונען בלאָע פייערען פון
גלויבען.
די רעכטע האנט האָט געשפּונען פון דער פינסטערניש פון
אָנהויב.
די לינקע — פון דער פינסטערניש פון סאָף.
קעגען דער ליקע־כאַמע האָבען פאַרכאַלעשט געבלאַנקט
מיליאָנען באַיאָנעטען.
זייער שטאָל האָט טעמפּ געוויינט.

דער אָטעם פון לעבען האָט פויל געדרימעלט ווי אין אַ
הייסען נאָכמיטאָג.

## HOMO

מעג די זון פאַרברענען דאָס ביסעל גרינס אויף אונזערע
פעלדער.
מעגען בליצען פאַרלענדען דאָס געהילץ אין אונזערע וועלדער.
מעג די צייט צעבייטשען ביז בלוט אונזערע לייבער.
מעג אַ בייזער רויך פאַרשעלטען די טראַכט פון אונזערע
ווייבער.

פון אונזער זאַמען וועט ער קומען.
ער וועט קומען.
ער וועט מוזען קומען.

און איר ווינטען פון דער וועלט
פאַרשפרייט די שוואַרצע בסורע.
זאָגט דעם אָדלער אויפ׳ן פעלז,
און דעם טיגער אין זיין הייל.
אַז מיט דעם לעצטען ביסעל קויאַך
וועלען מיר דעם שטיין פון אונזער ערד צעאַקערען
און מעגען זיך הימעל־ליכט פאַרלעשען —
בלינדע וועלען מיר קלעטערען.
און וועט באַנומען ווערען אונזער לאָשען —
אונזער ברומען וועט פאַרשטומען דעם וויזעלטירם און דעם לייבם.

און פון אונזער זאַמען וועט ער קומען.
ער וועט קומען.
ער וועט מוזען קומען.

אונזערע קראַנקע און שוואַכע וועלען שטאַרבען,
אָבער אויף די פגאַרים וועט ער שטייגען
און דערקלעטערען
און צעשמעטערען
דעם הימעל־יעסאַד.

# II

## כאַלוימעס.

כ׳האָב אליין, אין רויטען דעליריום,
געצונדען מיינע כאַלוימעס
און בלאָע זיי געלאָזט גליען ארום מיר.
ווען ס׳האָט דער רויטער דעליריום
געלאָשען זיך אין מיינע אויגען,
האָט דאָס אש פון מיינע כאַלוימעס
אין מיר קאלט געזילבערט
א נייעם כאַלעם.

# אין שניי־לאנד

## I

לאנגע נאכט, וואס האסט פארשלאפען אונז די געהירען,
און פארטונקעלט אונזערע שווארצאפלען ביי׳ם פישאייל
ליכט —
מארגען וועט א שטראל א ריר טאן די שטיקער אייז אין לופט
און דיר א קוש טאן אין דיין טיפען שלייער.
עס האט א בריל פון א כאיע דערטראגען זיך
דורך די שפארעס פון אונזער הויז פון אייז
און אונזער הונט טאנצט א פריידיגער ארום זיין עק.
מארגען קומט.
מארגען קומט.
וועל איך דאס פוטער־מאנטעל אנטאן און ארויס אויף די
וועגען
צו זען דאס האבען פון דעם טאג.
קלינ־קיל.
קלינ־קיל.
דאס ציט דער גראער אראדעבא־פאלא
דעם גלאק ביינאכט.
קלינ־קיל.
קלינ־קיל.

מאָרגען קומט.
מאָרגען קומט.
די נאַכט האָט אַ קראַנקען ציטער געטאָן.
שטיי אויף, מיין טרייע,
צי אַרויף דיין בעסטען קלייד און וואַרט
ביז דער ערשטער שטראַל וועט אַדורכשפּיזען מיט רויטען גאָלד

אונזער הויז פון אייז,
און לאָז זיך אַרוים אין ווילדען געדריי פון וועלאַ-דעלאַ —
צו פאַרגרינגערען די ווייען פון ליכט, דעם צאַהר פון ליכט.
הערסט :
קלינג-קיל.
קלינג-קיל.
מאָר.
גען.
קומט.
מאָר.
גען.
קומט.

*   *   *

בורי־באָם.
בורי־באָם.
אַלע וועלען גיין.
אַלע וועלען גיין.
אַלע. אַלע.
אַלע וועלען גיין.
קלאַפּ. קלאַפּ.
קלאַפּ. קלאַפּ.
שטיי.

*   *   *

צו אייך, איר געטער, אונזער לויב.
פאַרנעמט, איר הימעל באַוואוינערס,
דעם רייאַך פון אונזערע געזעגנטע פיש.
קורץ זיינען אונזערע טעג
און לאַנגע זיינען אונזערע נעכט.
און נאָך אַ פּאָר קורצע טעג און נעכט
פאַרגייען מיר.
עס האָט די נאַכט
אַנגעוועבט נאָך גראָע האָר אין אונזערע קעפּ.
נאָך יונגע נעפּאַשעלאַך האָבען צוערשט
זייערע אויגען אין שוואַרצקייט געעפענט.

און אַלטע לייט האָבען זייערע שאָטענס
מיט די שאָטענס פון דער לאַנגער נאַכט פאַרמישט.
אָבער אייביג זיינען די קאַלטע שפּיזען פון אייערע זונען
וואָס מוזען די טויטקייט פון דער נאַכט באַזיגען.
צו אייך, איר געטער, אונזער לויב.

און כאָטש מיר דאַנקען פאַר דעם קומען פון טאָג,
איז אונז דער געטער-גאַב, די לאַנגע נאַכט, אויך ליב געווען.
ביים שוואַכען ליכט פון פישאייל
האָבען מיר אויסגעשוויגען דעם סאָד פון דער נאַכט.
דער שטילער, לאַנגער זיפץ פון דער נאַכט,
האָט אונז נאָך מער דערמאָנט,
אַז אייביג זענט איר געטער,
און מיר זיינען ווי אַן אויג-ציטער.
אונזערע פוטער-שטיוועל האָבען באַטראָטען דעם הארטען שניי
און איינגעקריצט אונזערע טריט.
ווייטער וועט אַ נאַכט אָנקומען
און עפּשער
וועלען פילע פון אונזערע טריט שוין פעלען,
ווען נאָך אַ רויטער שטראַל וועט קומען,
אָבער אייביג זענט איר געטער,
איר הימעל באַוואוינערס.

II

## אַ קלאָג־ליד

מעלאַלעי !
ווער וועט אונזערע קינדער באַגראָבען, מעלאַלעי !

קלאַפּ דיין קאָפּ אָן דיל,
און הויב אויף דיין קאָל צום וויינען,
ווייל אָפּגעטאָן האָט זיך דער יאָנטעוו פון אונזער הויז,
ווייל ס׳האָבען אונז פאַרשעמט די געטער.
מעלאַלעי.
אונזערע קינדער רוען אויף די רוקענס פון די כוואַליעס
און וועלען קיינמאָל מער ניט זונען אונזער הויז מיט לאַכען.
אונזער הויז וועט ווערען אַ יאָמער־הויז, מעלאַלעי !
אונזער הויז וועט ווערען אַ קלאָג־כורווע, מעלאַלעי !
דורך דער לאַנגער נאַכט פון שווייגען
וועט הויזען נאָר דער טרויער מיט אונז,
ווי אַ שוואַרצער הונט,
און וויינען מיט אויף אונזער כורבען.

מעלאַלעי.
ס׳צאַנקט דאָס ליכט אין מיינע אויגען —

כ׳וועל שוין מער נים זען די זון וואָס וועט קומען,
ווייל אָפּגעטאָן האָט זיך די זון פון אונזער הויז,
ווייל ס׳האָבען אונז פאַרשעמט די געטער.

מעלאַלעי !
ווער וועט אונזערע קינדער באַגראָבען, מעלאַלעי !

## פאָלג איך נאָך...

פאָלג איך נאָך דעם שטערען אין מאַרעוו זייט
און לאָז זיך ווייטער גיין,
ביז כ׳קום צו אַ פירעקיג קוואַלכעל צוגיין.
אַנ׳אַלטער, דאַרער בוים, אַנ׳איינזאַמער,
אויף מיילען און מיילען,
שטייט איבער׳ן קוואַלכעל געבויגען
און ווייגט זיינע בלעטער אין שוואַרצען קוואַלכעל אריין.
פלוצים האָט אַ סאָווע אויפ׳ן בוים,
מיין נאָמען אָנגערופען.

ווייל איך גיין צוריק,
שטעלט זיך אַ דיקער זייל שטאָק־פינסטערניש פאַר מיינע
אויגען.
נעם איך מיין לאַנגען מעסער און שנייד די פינסטערניש
אויף שטיקער,
שלאָגט אַדורך אַ רויטער שיין
פון אַ דרייעקיגער לעוואָנע,
און אויף מיילען טראָגט זיך דער געבריל פון טיגער.
און די סאָווע רופט נאָך אַלץ מיין נאָמען.
ווער איך אויף אַנ'עמעם בייז און צושריי זיך:
איך בין דאָך דער שינאָ,
ווען אַפילע מיינע קליידער זיינען צוריסען,
ערגעץ וואו מוז דאָך מיין געישא אַ געבונדענע ליגען.
צולאַכט זיך די סאָווע אויף דעם אַלטען, דאַרען בוים,
און עס ברילט נאָך אַלץ דער טיגער.
ווײם איך, אַז ס'איז מיין מאַזעל
מיט צובלוטיגטע פיס,
אויף דעם קישעף־וועג ווייטער שפּאַנען,
ווייל ערגעץ מוז דאָך מיין געישא אַ געבונדענע ליגען.
פאָלג איך נאָך דעם שטערן אין מאַרעוו זייט
און לאָז זיך ווייטער גיין.

## א י י ג ע נ ס

בײַ פֿאַרריגעלטע טירען פֿון רעשטלאַך אײגענס,
וואַכען די שאָטענס פֿון די קרעמער גאַנצע נעכט.
אַ זײגער זעקס פֿאַרטאָג שלײכען זיך די שאָטענס אַהײם
וועקען די באַלעבאַטים זײערע פֿון שלאָף,
פֿאַר דעם טאָג-טאַנץ איבער רעשטלאַך אײגענס.
מײַן שאָטען אָבער היט דאָס נאַכט-זילבער פֿון דער לעוואָנע
אויף דעם שפּיץ פֿון וואולוואָירט,
און פֿאַרטאָג ברענגט מיר מײַן שאָטען
דאָס רויע בײַמעל גאָלד פֿון אַ פֿרישער זון.

## טירטעל-טויבען

אימפּולסען פֿון געדאַנק
בליציגע און ראַשיג —
בליאַסק פֿון זון אויף מעסער-שאַרף.
פּלוצים :
כײדער יאָרען און אַ וואָרט :
מער נישט ווי אַ וואָרט :
טירטעל-טויבען.
און ס'לאָזט ניט אָפּ,
מיט דעם ווײכען קנײטש פֿון טירטעל,
מיט דעם לאַסטשענדיגען קנײטש.

אָ, טירטעל־טויבען
טירטעל־טויבען.
טירטעל־טירטעל
טירטעל־טויבען.
ביידער יאָרען, קינדער יאָרען.
און עס זינגט.
און פאַרפאָלגט.
און פאַרוויגט.
און דערמאָנט :
טירטעל־טויבען
טירטעל־טירטעל
טירטעל־טויבען.

## א ט פ י ל ע

דער רויש פון דיין מאַנטעל־זוים בין איך,
אָ, בראַמאַ !
דער עכאָ פון דיין ניגען אין א זון־פאַרגאַנג.
דיין כאָלעם אין אָ נעפּעל־נאַכט.
דו האָסט, אי מיך,
אי דאָס וואסערעל, וואס שפּיגעלט אפּ מיך,
אויסגעטראַכט —
אין א נעפּעל־נאַכט.

אַ זייפּען־בלאָז האָסטו מיך אויף דער וועלט אַראָפּגעשיקט,
אַ, בראַמאַ!
פּלאַצען וועט דער זייפּען־בלאָז אַמאָל.
אויסשפּינען וועט זיך דער כּאָלעם אַמאָל.
זאָל מיך דיין קאַפּריזנער מויעך
מער ניט כּאָלעמען, אַ, בראַמאַ!

## אין דער פינסטער

גלי־פליגען צינדען די ווינקלען פון מיין הויז.
געצונדענע ליכט אויף פרויען־קעפּלאַך אין די ווינקלען פון מיין הויז.
לעשען גלי־פליגען די ווינקלען פון מיין הויז.
ניטאָ קיין ווינקלען אין מיין הויז.
ניטאָ קיין פרויען־קעפּלאַך.
אָפענע מיילער בלויז און —
פליסטער פון דינגע, זיידען־פעדעמדיגע רייד.
ניטאָ קיין רייד.
בלויז —
פּליעסק פון וואַסער.
גאָלד אין זון.
זון־שטויב.
ווערטער־שטויב.
רייטען ווערטער אין מעלאָדיען־רייך אויף גאָלדענע רייטוועגען.
נעסט זיך אַ וואָרט אויף מיין קאָפּ און גלעט מיינע האָר.

שפילט זיך אַ וואָרט מיט אַ שאָטען אויף דער וואַנט.
ווערט צעקרישעלט אין —
טענער פון גליענדע זונען און קאַלטע לעוואַנעס.
שוואַרצע פענסטער.
טויטע פענסטער.
פינסטערע פענסטער.
פינסטערע פענסטער.
פינסטער — פינסטער.
פינסטער.
פינסטער.
בלויז —
אַ וואָרט טאַנצט אין דער פינסטער
און באַלד
ווי אַ רויטער קינדער־באַלאָן פּלאַצט עס
אויף אַ פייכטער שויב,
וואו ס'איז ניט לאַנג צוריק
די זון געשטאָרבען.

# III

## צ ו ו ע ל ף.

די ווייזערס פון באלויכטענעם שטאָט־זייגער
הויערען איינער אויפ'ן אנדערען,
ווי דער גאסען־הונט אויף זיין צופעליג ווייב. —
צוועלף.
איצט שטייגט דער הייזעריגער געזאנג פון בלוט
צו די נאכטיגע אויערען פון דער שטאָט.
איצט זינגט די גאנצע שטאָט דאָס געזאנג פון צוויי.
איצט וויינט די גאנצע שטאָט דאָס געוויין פון איינס נאָך איינס.
ענטפערט אָפּ דער באלויכטענער שטאָט־זייגער:
צוועלף.

## פייער־צונגען

הענער־קריי.
גלאָקען־קלאַנג.
אין דרייעקיגען קלויסטער אויפ׳ן בלאָטיגען בערגעל.
כ׳לויף אַ האַלב־נאַקעטער ברענגען מיינע קאָרבאַנעס
ביים רויטען, האַלב־פינסטערען מיזבייאַך.
כ׳זע קיין זון נים אין איר אויפגיין
און קיין ליכט פון טאָג נים צומאָל.
אַ גאַנצען טאָג ברען איך אַליין,
אויפ׳ן רויטען האַלב־פינסטערען מיזבייאַך —
אין דרייעקיגען קלויסטער אויפ׳ן בלאָטיגען בערגעל.
ווען קילער נאַכט־בלאָ באַהויכט די שטומע פענסטער,
שליידערט מיך דער דאַרער גאַלעך אויף דער גאַס אַרוים.
אויפגעגעסען האָבען די שוואַרצע ווינקלען פון טעמפּעל
זיין נאָז
און צופוילטע זיינען זיינע ציין מיט די יאַסלעס.
מיט שלאַנגען־שמייכעל אויף זיין ווייסען פּאָנים זאָגט ער מיר:
מאָרגען וועסטו קומען.
מאָרגען וועסטו ווידער קומען.

רויטער קישעף פון האַלב־פינסטערען מיזבייאַך,
אין דרייעקיגען קלויסטער אויפ׳ן בלאָטיגען בערגעל

ברענט מיין יונגעל־לייב אויף דיין צונגיגען שוים.
ס׳ברענט דער ווייסער שמייכעל פון דיין גאַלעך אין מאַרך
בײַ מיר.

יאָ, כ׳וועל מאָרגען קומען.
כ׳וועל מאָרגען מוזען ווידער קומען.
ס׳ברענט דאָס ליכט פון מיינע אויגען אין מיזבייאַך.
ס׳צאַנקט די שטאַרקייט פון מיינע גלידער אין מיזבייאַך.
קיינמאָל וועלען מיינע גלידער ניט זומערן.
הערבסט.
הערבסט.

הענער־קריי.
גלאָקען־קלאַנג.
כ׳קום מיט מיינע קאָרבאָנעס.
קיינמאָל וועל איך ניט דערזען דאָס זילבער פון מיין געמיט.
קיינמאָל וועל איך ניט דערגרייכען די רו פון גראָע האָר,
נאָר פון קאָפּ ביז פוס פאַרצערט ווערען
אויפ׳ן רויטען האַלב־פינסטערען מיזבייאַך
אין ווינקעל
פון דרייעקיגען קלויסטער אויפ׳ן בלאָטיגען בערגעל.

## דו.

דו, דו, דו,
הויט און ביינער דו.
אָסער, אויב איך וויים,
ווי ס'האלטען זיך די ביינער דיר צוזאמען.
סיידען מיט דעם קויעך פון פייער נאָר אליין,
וואס ברענט אַזוי נייערטאָמעדיג אין דיר.
וועסט מענשליך סיי־ווי־סיי נישט שטאַרבען:
ס'וועט אַזוי אַמאָל
דאָס פייער אין דיר אויסטליען
(ס'מוז דאָך אויך אַ זון אמאָל אפקיהלען)
און וועסט אמאָל צושאָטען ווערען —
אַ בערגעל ביינער אויף דער דיל.

דו, דו, דו,
זויגסט מיין בלוט מיר אוים,
זויגסט מיין מארך מיר אוים,
מאכסט מיר שווארצע רינגען אונטער מיינע אויגען.
אָסער אויב איך וויים,
מיט וואָס פאַר אַ קויעך אין דיר,
סיידען מיט דעם קויעך פון פייער נאָר אליין,
וואָס האַלט דעם שוואַכען גוף ביי דיר צוזאַמען.

וואָס פרעסט אַזוי, וואס צערט אַזוי,
הויט און ביין אין מיר, מאַרך און פלייש אין מיר.

דו, דו, דו,
אין ווילד געיעג נאָך מיר.
פריער —
שלאַנגען־קריך.
מיט דיין שוך אַ דריק.
אין מיין האַרץ ביי מיר.
אין מיין בלוט ביי מיר.
פלוצים.
מיט וואָס פאַר אַ קויעך אין דיר
אין ווילדען טאַנץ מיט מיר.
האָפּ־גאַלאָפּ.
האָפּ־גאַלאָפּ.
גרובען טיפע.
שווארצע רינגען.

דו, דו, דו.
וועסט מענשליך סיי־ווי־סיי ניט שטאַרבען,
ס׳מוז אַמאָל אַ פייער אין אַ וואלד זיך דאָך פארלעשען.
הויט און ביינער נאָר
און וואָס פאַר אַ קויעך אין דיר — — —

# פאַרצוקט

פאַרצוקט איז באַלד די גאַנצע סטאַדע.
רעשטלאַך פון ניט־דערשמאָטשקעטע ביינדלאַך
וואַלגערען זיך אין פאַרדאַרטע שוואַרצע פלעקען בלוט.
און זי, די פאַרבליבענע שאָף,
האָט אַ קוק געטאָן אין זיינע וואָלפישע אויגען
און ציטערענדיג האָט זי דערזען:
אַז שיין, ווי פלאַקערדיגע שטורקאַצען, ברענען זיינע אויגען,
און די פלעקען בלוט אַרום דעם שטאַרקען קאָפ
דערמאָנען אָן די העלדען מאַיסעלאַך פון איר מאַמע־שאָף,
וואָס האָט פאַרוויגט איר אַמאָל ביים בלינדען שיין פון
לעוואָנע;

אַז איבער בערג און איבער טאָלען,
שטייט ער מיט בלוט באַשפריצט,
און צעשרייט ער זיך —
פאַרטרינקט ער דעם עכאָ פון די הויכע בערג.
בלינד איז שוין די שאָף.
פייער־בליצען פון דעם וואָלפיש אויג.
באַלד וועלען זיך נאָר וואַלגערען אַ פאָר האָר פון איר פעל.

אָבער —
אין כאַלאָשעס-ציטער
זינגט זי אַ ליד צו אים,
וואָס האָט פאַרצוקט די גאַנצע סטאַדע;
צו זיינע שיינע שטאַרקע פּיס,
צום קישעף-פייער פון זיינע רויט-פאַרפלאַמטע אויגען.
צו אים.

פאַרצוקט איז שוין די גאַנצע סטאַדע.

# אין רויך

קינדער־שפּיל.
ס׳זשמורען זיך מיינע אויגען.
האַלב־דרימעל.
און דו —
אויפ׳ן גרויסען מאָרים־שטול,
אַ קליין מיידעלע,
אַ פּיצעלעם.
קענסט פאַרטראָגען מיין ציגאַרען רויך ? —
אַ רויט צינגעל.
לאַך פון מיר,
באַלד וועט די שטוב שוואַרץ ווערען פון רויך
און מיר וועלען זיך לאָזען וואַלצירען אין רויך
און פליען מיט אים. —
הונדערטע רויטע צינגלאַך
שטרעקען זיך צו מיר דעם גרויסען נאַר
מיט די האַלב פאַרזשמורעטע אויגען.
פון ווייסען העלזעל
ציט זיך אַראָפּ דיין ראָזעווע קלייד. —
אַ יאַם מיט בלענדענדע ווייסקייט.

פלוצלונג —
אין גרויסען מאַרים-שטול,
ווערסט אַ קליינטשיג פינטעלע,
ווערסט אין רויך פאַרשלונגען.
פאַרשווינדסט
פאַר'ן גרויסען נאַר,
מיט די גאַנץ פאַרזשמורעטע אויגען.

## באַליידיגונג

I

דער שאָטען פון וואָרט
האָט נאָך גערוט אויף מיינע ליפּען,
און שוין האָט דאָס בלוט פון דיין מאַרך
באַרירט דיינע שפּיץ-פינגער
און געלאָזט דיין פּאָנים אַ טויט-בלאַסען.
דער פלאַקער פון באַליידיגונג אין דיינע אויגען
האָט געוואָרפען מיין קאָפּ צו דיינע פיס.

II

אינגעל —
האָט אַ פליסטער געטאָן דיינע אַ גראָע האָר
צו מיינע אַ בלאָנדע.
מיין גאַנצע בלאָנדקייט האָט זיך צעפלאַמט פאַר בושע.

## זשיראַנדעלען

טויזענטער זשיראַנדעלען צעפּיצעלט אויף ברעקלאַך ליכט
באַלייכטען אונזער אומגליק —
טייטלען מיט ליכטיגע פינגער.
פון אַלע פענסטער, מענשען־קעפּ שמוצערען מיט די ליפּען,
טוקען אונז אין זייער מיטלייד.
אין שטאָק־פינסטערניש האָבען מיר דאָך
ווי די צירק־אַקראָבאַטען געשפּרייזט דעם זיידענעם פאָדים.
און אַז דיינע אָדער מיינע טריט האָבען געשטרויכעלט —
פאַרוואָס איז אונז ניט באַשערט
אין דער פינסטער אויסזיפּצען אונזער צאַהר ?
נאָר טויזענטער זשיראַנדעלען
באַלייכטען אונזער אומגליק,
טייטלען מיט ליכטיגע פינגער.

פאַרשעמטע גראָבען מיר דעם קאָפּ אין ערד.

# טענער.

דאָס בלאָנדע מיידעל ביי דער האַרף
איז דאָך א רויבער אַ פאַרשטעלטער:
מיט אַ גלעזערנעם מעסער
האַקט זי אָפּ די בלאָע קעפּלאַך פון די טענער
און לאָזט זיי צאַפּלענדיגע אין לופט.
שטאַרבענדיגע אין לופט.

און דו און איך,
וואָס האָבען דורך דער גאַנצער נאַכט
פאַרקושט אין זיך דאָס געוויין פון אונזערע גלידער.
זע, ווי ס׳לאַכט זיך אויס פון אונז
דאָס בלאָנדע מיידעל ביי דער האַרף,
און שפּילט אונז אַ כויזעק־ליד.
ביז׳ן גרויסען טאָג אריין.
ביז׳ן טיפען טאָג אריין.

# עפּשער.

עפּשער איז גוט,
וואס כ׳האָב מיינע אויגען ניט געווענדט
צום בלאָען וועג־שיין.
וואס כ׳האָב די פּאַפּירענע בריקען מיינע
מיט די אייגענע הענט געצונדען.
עפּשער איז גוט,
וואָס איך דער שטאָלצער גענעראל,
בין אראָפּ פון פלינקען פערד מיינעם
און געקושט דאָס מינדסטע פוס־פינגעריל פון אַ פרוי,
און ס׳האָט מיך ניט געאַרט,
וואָס די שלעסער מיינע ברענען,
וואָס די ערד אונטער מיינע פיס ברענט,
וואָס דעם סוינעם כאַיאָלעם פלינדערען מיינע אויצרעס.
עפּשער איז גוט אזוי.
עפּשער איז גוט אזוי.

# האָבען די קעמלען...

האָבען די קעמלען ניט דערצויגען מיט די לאָגלען.
האָבען בייזע ווינטען און האָגלען צולעכערט די לאָגלען.
אוי איז מיר, אוי איז דיר.

און אַז ס'וועלען, ווען ניט איז, די קעמלען
פון לאַנגען וועג דערציען,
וואָס וועלען זיי אונז ברענגען ?
גאָרניט וועלען זיי אונז ברענגען. —
אַלע לאָגלען אויסגעגאָסען,
פון דעם ווינט צוטראָגען
איבער אַלע פעלדער.
וועט די בראָכע פון די לאָגלען
שעפע פאַר דער גאַנצער וועלט באַשאַפען,
נאָר ניט פאַר אונז ביידע.
אוי איז מיר, אוי איז דיר.

וואָס זשע וועלען מיר ביידע טאָן ?
וועלען מיר ביי די טויערען זיצען,

איך און דו —
אויסוויינען ביז בלינד די אויגען.
וועלען מיר הויך אויפ'ן קאָל
בעטלער־לידער זינגען,
בעטלען מענשענס גאָב.
אוי איז מיר, אוי איז דיר.

## מיין ליד צום טרויעריגען מיידעל

כ'וועל זינגען אַ ליד צו מיין טרויעריג מיידעל
אין די דאָזיגע ווערטער:

אונטער דיינע אויגען
וויינען דיינע יאָרען.
צווישען דיינע האָר
קאַלטע לעוואָנע־שפּריצלאַך.
וואו זיינען די גאַנאָווים
פון דיינע טעג און נעכט.

װער קען דען דיר באַצאָלען
פֿאַר דײַן רײַכען אומגליק,
פֿאַר דײַן טיפֿען אומגליק.
פֿאַרװאָס האָסטו פֿאַרטרױט דײַן גליק
אַ פֿאַלשער שיף אױפ׳ן יאַם,
אַ פֿאַלשער שיף אױפ׳ן יאַם,
טרױעריג מײדעל מײנס,
גאָלדען מײדעל מײנס.

מיט־נאַכט שאָען ציטערען צװישען הימעל און ערד,
הערבסט־װינטלאַך רײסען זיך אױף דײנע האָר,
און דער רױטליך־גרינער שלאַנג פֿײניגט דיר דײן גוף.
זאָל כאָטש װער זינגען דיר הױך אַ ליד פֿון זינד.
טרױעריג מײדעל מײנס,
גאָלדען מײדעל מײנס.

אין די מיט־נאַכט שאָען זינג איך דיר די דאָזיגע סערענאַדע:
דורכגעפֿױלטע שאַרבענס —
צװישען טװיע־בײטען.

פאַרגליווערטע זיפּצען
הענגען אויף צוהאַקטע בוימער.
אָבער מיר איז נענטער דיינס אַ זיפּץ ביינאַכט:
עפּשער וועט ער אויף אַ שיף נאָך קומען,
אָדער זאָל כאָטש אַן אַנדערער קומען,
אַן אַנדערער קומען
(גוט אַזוי — אַן אַנדערער קומען).
גאָלדען מיידעל מיינס.
טרויעריג.
טרויעריג מיידעל מיינס.

# IV

## פארגיין

**איצט שפילט מען מיינע שאָען אויף די דינסטע סטרונעס,**
**מילדע וויבראַציעס פליסען אריין אין מיין גוף.**
**אויף ווייסע לאַטשען שוועבט דער רויש פון זיידענצייג ארום מיר.**
איך בין א דינער רויך־קנויל וואָס קרויזט ארויף.

מיינע אויגען ווער וועט אָבער פארמאַכען. —
דורכ'ן רויך־שלייער זעען נאָך מיינע אויגען
שוואַרצע פלעקען ערד.

# סעזאַמע

עפּען זיך סעזאַמע.
ס'טונקעלט אין הייל.
און איך
פֿאַרכאַלעשט אונטער דעם יאָך
פֿון די זעק מיט גאָלד, זילבער און בריליאַנטען,
שעפּטשע אָן קויכעס:
עפּען זיך סעזאַמע.
די זון האָט זיך שוין מעסטאַמע
צווישען די בערג באַגראָבען
און אַ וויסטע נאַכט באַדעקט שוין וואַלד און טאָל.
פֿינסטער.
כ'האָב מוירע מיינע פֿאַרלאָפֿענע אויגען צו עפּענען
און זען דעם ווילדען סקעלעטען טאַנץ.
שוואַרץ-בלאָע פֿייערען טאַנצען אין הייל!
ווילד-בלוטיגע עכאָס זינגען כאָרכלענדיג אין הייל!
מיט אַ שוים-פֿאַרלאָפֿענעם מויל שריי איך:
עפּען זיך סעזאַמע!
ווילדער גאַלאָפּ פֿון פֿערד.
טראָמפּייטען-שאַל איבער פֿעלד און טאָל.

נענטער.
נענטער קומען זיי.
באלד. באלד.
אַ פאַרכאַלעשטער
מיט שינגענדיגען האַרץ־קלאַפּ:
עפען זיך סעזאַמע.
סעזאַמע.

## אין אַ זוניגען טאָג

איך?
וואָס בין איך?
אַ הויפען פון דורכבליצענדע געדאַנקען,
וואָס לאָזען זיך פון עמיצענס קאַפּריזען דיקטירען.
היינטמאָל די זון.
אַ וואַרימע אַפּריל־זון,
וואָס האָט מיט אירע גראַציעזע שטראַלען
מיינע געדאַנקען, ווי טויבען אַ יאָג געגעבען.
עפּשער זיינען דאָס די טויבען
מיט די גאָלד־גרינע קעפּלאַך

מיט די שווארצע שטרייפען אויף די גראָע פליגלען,
וואָס שפּילען זיך אין דער זון?

איך?
וואָס בין איך?
כ׳ווייס ניט ווי אַזוי כ׳האָב זיך אויף דעם הויך
פון אַ גרינעם אַמניבוס געפונען
לעבען אַ יונגע בלאָנדע מיידעל,
וואָס האָט איר פוס הארט ביי מיינעם געהאַלטען
און מיט איר אָרעם,
וואָס האָט דורך דעם בלאַ-טיולענעם אַרבעל אַדורכגעבליקט
אָפּטמאָל מיין האַנט געוואָרעמט.
און פאַרוואָס האָבען מיינע געדאַנקען זיך ניט געוועבט
אָרום רוהיגען ברייטען האָדסאָן?
אָרום אָפענעם רויטען קאָרק פון מאַטראָז,
וואָס האָט אַ מיידעל אָרומגענומען?
אָרום די ברוינע אויגען פון מיין שאָכענטע,
וואָס האָבען אַלעמאָל בעגנייווע אַפּיר געקוקט
פון אונטער׳ן ברייטען הוט אויף מיר.
פאַרוואָס האָב איך אויפ׳ן אַלטיטשקען געקוקט?

איך?
וואָס בין איך?
אין אַ זוניגען טאָג.
אויף אַ גרינעם אַמניבוס.

האַרט לעבען אַ בלאָנדע מיידעל,
וואָס פּרעסט איר פּום צו מיינעם
און גאָלד־גרינע טויבען,
וואָס וואָרקען אין מיין האַרץ ;
פּאַרט ער אַזוי, דער אַלטיטשקער מיט מיר,
שאָען, טעג, יאָרען, יאָר־הונדערטע
מיט דעם אויפגעשטעלטען קאָלנער,
אין וואַרימען זוניגען טאָג,
מיט די אײַנגעשרומפּענע הענט,
און כ׳זע באַשײַנפּערליך
דעם סקעלעט אַדורכשפּיגלען,
פון אונטער די גרין־געשוואָלענע אָדערען
און די צוקנייטשטע געלע הויט,
ווי אַנ׳אַלט שטיקעל פּאַרמעט
און די געלע, ברייטע, טויטע נעגעל.
(אַ, דאָס געל־וואַקסיג געזיכט פון טויטען גאַי אין האָספּיטאַל.
און דער גאַלעך מיט׳ן הייליגען סאַקראַמענט !)

ניטאָ דער האָדסאָן !
און די טויבען
האָט אַנ׳אַלטע מאַכשייפע ביי מיר
אין האַרצען געשאָכטען,

און דער רויטער קאַרק פון מאַטראָז
מיט זײַן פרעך מיידעל גייען מיך ניט אָן.
און ס'איז מיר אַ ראַכמאָנעס אויפ'ן מיידעל
לעבן מיר, וואָס דריקט זיך צו מיר,
ווען אין מיין פלייש,
האָט דער אַלטיטשקער זיינע געלע, טויטע נעגעל
אַריינגעלאָזן.

איך?
וואָס בין איך?
אין אַ זוניגען טאָג.
אונטער אַ רוהיגען בלאָען הימעל,
האָט דעם אַלטיטשקענס שאָטען מיך פאַרפאָלגט,
און מיינע פוס-טריט געהיט.

## אויפ'ן מיט-וועג

די געלע נאכט האָט מיין בלוט פאַרסאַמט
און ס'האָט דער בלינדער אינסטינקט מיר פארטרויט:
דאָ, וואַלגערסט דו זיך אויף דעם מיט-וועג
פון דיין טרויעריגען זיין,
אַזוי פאַרהוילען איז לעוואָנע-שיין געוועזן
אין דיין נאכט פון ערשטען קומען,

אַזוי פאַרשאָלטען ווערן זי פינסטערען
אין דיין נאַכט פון גיין.
אויפגעפרעסען האָט די נאַכט דעם שיין פון מיינע אויגען.
און געפונען האָב איך זיך אַ וואַלגערענדען אויף מיין
אייגענער שוועל.

אַ קלאַפּ מיין קאָפּ אָן שוועל —
האָט אָנגעטראָגען קלאָג־מוטערס פון אַלע עקען וועלט
מיט צעשויבערטע שלאַנגען אויף זייערע קעפּ,
האָבען זיי געכויזעקט איבער מיין בראָך:
אוי, אַוואַיאַ־וואַ
אוי, אַוואַיאַ־וואַ
אַוואַיאַ.
אַוואַיאַ.
געקלאַפּט האָט מיין קאָפּ אָן שוועל
און ס'האָבען ווי טויזענדע קעץ
געיאָמערט איבער מיר די קלאָג־מוטערס.

געגראָט האָט זיך די געלע נאַכט —
פאַרשוואונדען זיינען די קלאָג־מוטערס.
נאָר ס'האָט אין מויעך געעגבערט:
יענע מיעסע נאַכט פון דיין קומען איז אונטער דיר,

די נאכט פון דיין מיט־וועג,
גראָט זיך אויך צום גיין אַוועק.
אָבער פאר דיר ליגט נאָך אָנגעגרייט
די נאכט פון דיין גיין.
און אזוי פארשאָלטען וועט זי פינסטערען,
און אזוי פארהוילען וועט זיין לעוואָנע־שיין.

געקלאפט האָט מיין קאָפּ אָן שוועל.

## ש ט אָ ט

### 1.

האָט זיך מיין בלייבקייט געלייגט אויף די גאַסען,
סלופעס פון טעלעגראַף אין שטאָט
האָבען געכאַלעשט פאר מיינע אויגען.
די ביינער מיינע זיינען לער געווען
און פויגעל־גרינג בין איך,
ווי אויף פרעמדע פיס געטראָגען געוואָרען.
דורך די פאַרלאָפענע אויגען מיינע
האָט די שטאָט געכאַלעשט.
דער שטאָט געשריי איז אַ פאַרגליווערטער
אין לופט געהאַנגען.

2.

פלוצים האָט אַ האַנט מיך אַ וואָרף געטאָן
אַ פאַרכאַלעשטען אין מיטען מאַרק.
איבער מיר האָבען מענשען געשפּריינט
און ס'האָט ווי בינען געזשומעט
זייער פילקעלדיגער געשריי.
ווי דראָטען זיינען מיינע גלידער געוואָרען,
צוויי גרויסע אויערען זיינען נאָר
אויף דר'ערד געלעגען
און ס'האָט אַדורכגעעגבערט אַ געשריי:
הו, הו. הו, האַ. הו, הו. הו, האַ.

3.

ווער האָט מיר מיטאַמאָל
אַזאַ קרעפּטיגען שטויס געטאָן,
אַז ס'האָט מיט מיר גענומען
ווי מיט אַ דריידעל דרייען.
מאַכטלאָז בין איך געווען
דעם ריזען שטויס בייקומען;

האָב איך זיך אַ צופרידענער
נאָך מיין אייגענעם דרייען געגומען יאָגען.
זיינען אַזוי יאָרען
אין היסטערישען דרייען פאַרשוואונדען.
און האָב איך אויף א רעגע נאָר
געוואָלט דעם אַטעם כאַפּען,
האָט אַלעם געכאַלעשט פאַר מיינע אויגען
און דער שטאָט־הו־האַ איז אַ געשטאָרבענער
געהאַנגען אין דער לופט.

## פאַרפאַלען

קלער איך זיך אַזוי:
ס׳פּליסט סיי ווי שלעפּעריג ס׳בלוט אין די אָדערען מיינע
און אַ באַגער צינדט זעלטען זיך אין מיין האַרץ.
זאָג איך אַזוי:
איך — און די גרויסע זידענדיגע שטאָט.
אַזעלכע פרעמדע.
וואָס בין איך צו איר.
אַ גער, אַ וויסטער גער.
טראַכט איך זיך אַזוי:
כ׳וועל זיך איבערדעקען מיט דער וואַרימער קאָלדרע
און דרימלען.

און פון ווייטענס וועלען זיך דערטראָגען קוילעס
פון ווילדע שטיפערישע שטאָט קינדער.
האָ. חאָ. האָ.
דער געשריי, דער געליאַרם, דער געפילדער
פון דער אייזערנער, שטאָלענער, בראָנזענער שטאָט.
אָבער איבער מיר וועט רוהיג אַ שפּין זיך וועבען זיין געוועב
און איך וועל שלאָפען, שלאָפען, שלאָפען.
ליג איך :
און כ׳הער, ווי די שטאָט רעוועט, רופט, מאַניעט, ציט
מיך דעם גער, דעם ווילד פרעמדען.
און כ׳טראַכט זיך :
עמעס, ס׳פליסט שוין שלעפעריג ס׳בלוט אין די אָדערען מיינע
און די שטאָט — וואָס איז מיר די שטאָט.
אָבער אזוי וועל איך שוין אָוועקפאלען אמאָל
און צושמאָלצען ווערען
אין דעם זידען פון דער שטאָלענער שטאָט.
פאַרפאַלען.

# די לעצטע שאָ.

פאַרשאָלטען זאָל זיין יענע ביינערדיגע האַנט,
וואָס האָט מיר געוויזען מיין לעצטע שאָ.
ווי א פאַרפוילטער אייוער האָט די שאָ זיך געקרישעלט
אויף מינוטען,
ביז די לעצטע רעגע האָט געצונדען זיך גרוי און בלאָ
און באַלד בין איך ניטאָ.

אַ קראַנקע זון האָט נעבבאַכדיג געלאָסטשעט מיין געמיט,
מיט אָפּגעהאַקטען אָטעם האָט דער זייגער מיינע רעגעס
טעמפּ געציילט.
כ׳האָב אַרויפגעצויגען אויף מיינע גלידער מיין יאָנטעוודיגען
קלייד ;
צווישען מענשען האָב איך מיין קאָפּ געהאַלטען שטאָלץ
און אַ שטאָלצער אָפּגעענטפערט אויף זייערע אונטערטעניגע
רייד.
אבער קיינער האָט ניט געוואוסט, אז אין די קאַמערען פון
מיין הארץ .
בין איך אַ שטיקעל שטויב וואָס האָט אָנגעטאָן אַ שטייפען
הוט,

אַ שטיקעל שפּינוועבס העפקער פאַר יעדען ווירבעל פונ׳ם ווינט,
אַ זינדער, וואָס פייניגט זיך אַליין מיט אַ שווערע רוט
און טרעט אויף זיך אַליין און רייסט זיך פאַסען פלייש,
פאר זינד וועמענס אַראָמאַט איז לאַנג שוין אויסגעוועפּט און נימאָ,
ווייל ס׳האָט די ביינערדיגע האַנט מיר געוויזען מיין לעצטע שאָ.

## ארטעריאָסקלעראָזיס

און אויב, אין לויף פון דיינע טעג,
האָסטו מיט גיבער־קראַפט געזיגט
איבער ווערימלאַך אַלערליי,
וואָס האָבען מיליאָסענוויז
געלויערט אומעטום אויף דיר.
און אַפגעבליאַקעוועט האָסטו דיין הויט אין קאַמף.
און פארלוירען האָבען דיינע האָר די קראַפט
און ווי גראָז פאַרוויאַנעטער געגראָט זיך
לעבען דיינע שלייפען.

הערסטו דען ניט,
אין דעם לויף,
אין דעם פלים,
פון דיין בלוט אין דיין מארך
זינגען ווי א גריל,
זינגען ווי אַ טיטום-וואָרים,
זינגען צו דעם טאַקט
פון אַ לאַפּאַטע-גראָב אין דער שווארצער ערד
אַרטעריאָסקלעראָזים.
אַרטעריאָסקלעראָזים.

און האָט דיר די אויבערמאכט באַשערט
אַ לעבען ווי א זומפּ א פרידיגס,
מיט טעג וואס ציען זיך
ווי אַ לאַנגער נודנער ניגען,
מיט נעכט לעבען א ווייבעל א געטרייס,
וואָס דערלאַנגט די שטעק-שיך דיר,
ווען קומסט אין הויז
און לאָזט הערשען איר זעל,
צווישען די מאַסיווע מעבעל אין דיין הויז.

אויך דאַמאָלס וועבט אַ שפּין זיך רוהיג,
מיט מערדעריש געדולד, אין מויאַך ביי דיר זיין נעץ
און צום טאַקט פון זייגער וואָס קלאַפּט.
און צום טריל פון קאַנאַריק אינדערפרי.
און צום סקריפּ פון דיין וויג-שטול אהין-צוריק.
זינגט דיין בלוט דאָס לאַנגזאַם-צושטערענדע ליד.
אַרטעריאָסקלעראָזיס.
אַרטעריאָסקלעראָזיס.

אַרטעריאָסקלעראָזיס.
אַ געדולדיגער גאַזלען וואָס לויערט אויף די וועגן.
אַרטעריאָסקלעראָזיס
דער מוז וואָס מוז געשען.
ערגעצוואו איז אַ בלאַט אַ פאַרוויאַנעטער פון בוים געפאַלען.
האָרך דעם שאָרך.
האָרך דעם רויש.
אַרטעריאָסקלעראָזיס.
אַרטעריאָסקלעראָזיס.

## צעלאַ־צעלדי

צעלאַ־צעלדי.
צעלאַ־צעלדי — גרינג־פיסיגע.
צום צימב פון צימבעל,
ווערסטו ווי אַ סאַרנע גרינג,
ווי א העזיל פלינק.

צעלאַ־צעלדי,
דיין קאַשטאַן־קאָפּ
איז גראָ אצינד,
די בלאָע אויגען זעען ניט,
די בריסטען דיינע לאַבערען,
און דיין גוף שמעקט מיט אלטקייט שוין,
מיט דעם רייאַך פון פאַרדומפּען פליש ;
אָבער צעלאַ־צעלדי,
צום צימב פון צימבעל
ווערסטו ווי אַ פאַרע גרינג,
אוי־איפ, צעלאַ־צעלדי !

צעלאַ־צעלדי.
פאַרמייד די זיפצען דיינע אלע נאַכט,
זאָל דאָס רופען פון דער טויטער האַנט דיך ניט שרעקען.

זאָג,
וועלכער בארג ערד קען דען דיך פארדעקען,
אַז צום צימבּ פון צימבּעל
ווערסטו ווי א סארנע גרינג,
גרינג־פּיסיגע.

אָר־איפּ — צעלא־צעלדי!

## צו א בלינדען

אַ ציניש ליכט האָט אונז אַלעמען באַוויזען:
דיין ווייסען קאָלנער אויפ׳ן ריינעם העמד,
וואָס אויגען האָבען פאַר דיר צוגעגרייט:
עפשער אַ ווייב וואָס טרערט טרער נאָך טרער
אָדער אַ מאַמע וואָס שעלט דעם טאָג פון דיין געבער.
אַ שמייכעל האָט זיך מיט דיינע רויטע ווייסלאַך געשפּילט
(מעסטאָמע פון אַ מיט־נאַכט בייסאַקוואָרעס־וויץ)
און מיר אַלע האָבען געזען דאָס, וואָס דו האָסט פון אונז
געוואָלט פאַרהוילען.
באַלד האָט דאָס צינישע ליכט אַ טאַנץ געטאָן אויף דיינע
שמוציגע הענט,
וואָס האָבען טרויעריג, ווי שטומע ווילענלאָזע באַשעפענישען,
געבעטען זיך ביי דיר צו באַהאַלטען.

אָבער מיר — די וועלט פון מיליאָנען אויגען — האָבען
צולעהאַכעסדיג געזען:
דעם ווייסען קאָלנער אויפ'ן ריינעם העמד
און דיינע שמוציגע הענט.
די רויטע ווייסלאַך האָבען נאָך אַלץ געלאַכט
(מעסטאָמע פון אַ פינסטערען ווינטער-וואַלד'ס אַ וויץ),
אָבער די פינגער פון דיינע הענט
זיינען זיך ווי קליינע קינדער פאַרגאַנגען אין טרערען
און גערופען:
דיין ווייב, וואָס טרערט טרער נאָך טרער.
אָדער דיין מאַמען, וואָס שעלט דעם טאָג פון דיין געבער.

## נ י ר וו אַ נ אַ

פאַרשטיינערט.
אין זיך אליין פאַרהילט.
די פיילען פון לעבען פליען פאַרביי מיר,
מיט זיבען וואָלקען-שלייערס איז מיין גוף פאַרהילט.
און שטיל אין די טיפע טיפענישען פון מיין האַרץ
קוועלט אַ זעליגע זיסקייט פון מיין ניט-זיין.
טויט צום לעבען, פול מיט לעבען אין טויט.
מיט זיידענע, אומזיכטבאַרע פעדים
פאַרקניפט איז מיין נעשאָמע מיט די איבער-נאַטור.
טרערען פון גליק אויף מיינע פאַרגלעזערטע אויגען.—
גאָט האָט זיך מיט מיין נעשאָמע באַהעפט.

# אין די אָדערען פון דער וועלט.

אין די אָדערען פון דער וועלט פליסט אַלץ רוהיג,
פעט און זומפיג — אין די אָדערען פון דער וועלט.
קליינע וואַסערען זויגען זיך אַריין אין גרויסע,
גרויסע וואַסערען כאַווערען זיך מיט יאַבּאָשע.
און יאַבּאָשע גענעצט פרידליך אויף מיט אַ ציטער,
אין די אָדערען פון דער וועלט.
און שיפען גייען שטיל און רוהיג אונטער אין די גרויסע וואַסערען,
וואָס פליסען אין די אָדערען פון דער וועלט.
און ס'האָט נאָך קיין שלייען ניט געזען
אין מיטען העלען טאָג, אין וואַסער, די לעוואָנע,
נאָר, ווי אַלעמאָל, די אַלטע וואוילע זון.
קיין כאַיע אויף דער יאַבּאָשע האָט נאָך ניט געזען,
אַז די זון זאָל שיינען מיט די שטערען, אין מיטען העלען טאָג.
און קינדער ווערען באַלד געבוירען מיט גאָמבעס,
וואו ס'ווען וואַקסען שיווע בערד ;

אויף די קעפּ זיינען שוין דאָ די ערטער,
וואו ס׳וועלען וואַקסען און ארויספאלען די האָר.

לאַנגזאַם פליסט די אומצופרידענקייט אין די ווידערשפעניגע
און אין די שלעכטע גליווערט די סינע ווי די רו פון דער וועלט.
אויב די שלעכטע האָבען קליי־זאַיען,
האַרגענען זיי רוהיג און שטיל, ווי דער רויש פון דער וועלט,
וואָרים ס׳האָט נאָך קיינמאָל קיין שאָם
ניט איבערגעשראָקען קיין שטערען.
און מעטאָדיש ווי ס׳גרינט דער בלאַט,
און שטיל, ווי ס׳שווייגט דער ליאַרם פון דער וועלט,
דרימעלט ערגעצוואו אַ שטיין.
און שטיין — דער אויצער פון פאַרפרוירענע סוידעס
איז דאָך פאַראויסבאַשטימט, פאַר מאַצייוועס,
און לאַסט־פערד — צו פירען דעם וואָגען, וואָס איז שוואַרץ,
צו פירען רוהיג, שטיל און זומפיג,
אין די אָדערען פון דער וועלט.

אין מיליאַסען יאָרען אַרום
ווען ס׳וועט רוהיג צופלאַצט ווערען די פעטע רו פון דער וועלט,
וועט אויף אַ צווייג פון פוסטקייט שוין געלאַסען גרינען
אַ יונגע נייע וועלט.

## מיינע לידער

כ'האָב אנגעשריבען לאנגע בויגענס גראָע האָר און טיפע קנייטשען.
מיט בלאָנדע האָר און קינדישע אויגען —
ווי האָב איך עס געקאָנט?
אז אין פארנאכטען וואָיעט נאָך ס'הארץ אין מיר:
מאמע.
און נאָך היינט ווילט זיך אוועקשליטלען מיינע יאָרען אויפ'ן שניי.

„שפּ־טו־דייט" דרוקעריי,
ניו יאָרק.